Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 304 | Łódź, Piątek 30 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, א׳ טבת תרצ״ג | № 304 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224- ... — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער ...

## נור היינט און מארגען
## לאז יעדער אייבער זעהען
אין קינא „ראקיעטא" שענקיעוויטש
# „די נייע ארץ=ישראל"
היינט, פרייטאג פון 4 א זייגער נאכמ.
מארגען, שבת פון 12 פריה ביז 12 און.
יודען! פערזוימט נישט, גייט מאסענוויז

---

נאך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

## נ״ע יעקב דוב ב״ר עזריאל זעליג ז״ל
# יאבלאנסקי
(געבוירען אין סטאוויסק)
### אין עלטער פון 63 יאהר

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 30 דעצעמבער 1932, 11 אזייגער פארמיטאג פון טרויער-הויז פילסודסקי 18 (קאלאניאל-געוועלב וואכאדניא 6) וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

**די טיפגעטרויערטע הינטערבליבענע**

---

# סילוועסטער
## אין „פילהארמאניע"
שבת ד. 31 דעצעמבער 11 א זייגער אוונט קומט פאר אין „פילהארמאניע"
אגראנדיעזער סילוועסטער=אוונט לטובת „אוזדראווסקא"
א מאסע אטראקציעס! 2 ארקעסטערס! ביליגער בופעט!

---

די לייטונג
פון די 1-טע ארטאדאקסישע לערן= און ערציהונג=אנשטאלטן
# „דרכי נעם"
## פון גרשון אלי׳ ליסם אין לאדז
ערשטער „דרכי נעם", קילינסקיעגא 50, טעלעפאן 215-26
צווייטער „דרכי נעם", אל. 1-טער מאי 20, טעלעפאן 200-43

מאכט באקאנט, אז צוליב די פריינצווארענע פלעצער אין די גן=ילדים׳ס, צום צווייטען האלבען שול-יאהר, דורך דעם איבערגאנג פון פיל תלמידים אין די מכינות צו התחלת חומש, — ווערען פון איצט אנגענומען תלמידים אין די גן=ילדים׳ס צום ערמעסיגטען פרייז פון 40 זלאטים א קווארטאל.

**די לייטונג.** 6671

---

# בוכהאלטערס ווייסען
אז סאלידע האנדעלס-ביכער און פיל-רובירטע טאג-ביכער צו זעהר נידריגע פרייזען אין א גרויסען אויסוואהל בעזיצט אויף לאגער די ספעציעלע ביכער-פאבריק
# A. J. OSTROWSKI
## 55 Łódź, Piotrkowska 55
tel. 203-54.

בעמערקונג: ס׳איז שוין ארויס דאס פראספעקט פון האנדעלס-ב״ק, באשטעטיגט דורכ׳ן פינאנץ-מיניסטעריום פאר סך-גרעסערע האנדעלס- און אינדוסטריעל-אונטערנעהמונגען. אלע גענויע אינפארמאציעס און אויפקלערונגען ווערט ערטיילט אין יודיש.

---

## קוראטאריום פון די שולן און קינדער-היימען
### א. נ. פון וול. מעדעם
אין לאדזש, שרודמיעסקא 18.
מארגען, שבת, 31/XII, 11 אין אוונט קומט פאר אין פרעכטיקן ווארשאווער זאל, פאלודניאווא 36

# א גראנדיעזער סילוועסטער=אוונט

ארטיסטישער פראגראם אויסגעפירט דורך ארטיסטן פון „אראראט" און דראמאטישער סטודיע „באגינען".
רייכער און ביליגער בופעט — אטראקציעס — רולעטקע און מעקסיקאנישע שפילן — ערשטקלאסיקער דזשאז קווארטעט — טענץ ביז איבערפרי.
בילעטן צום פרייז פון 2.50 זל. (פאר מיטגלידער 1.50 זל.) צו באקומען אין מעדעם-שול, שרודמיעסקא 18, מיכאלעוויטש-שול, זגערזשער 42 און אין טרעבעטער-ווינקל, פאלודניאווא 20.
5624

---

# שבועה דאוריתא
לויט אן אורטייל פון סאנד גראדזקי, וועט מאנטאג, דעם 9 יאנואר 1933, 10 א זייגער פריה שווערען אין דער אלטשטעדטישער שוהל
## יענקעל לאסמאן,
72 יאהר אלט, פון זאוישא 24, וועגען א סכסוך מיט מיר אויף 61 זל. 44 גר. פאר גענומענע קאלאניאל-סחורות, וואס ער לייקענט אפ, אז עס קומט מיר גארנישט. מיט אכטונג
**לייביש ראזענבערג, זאווישא 32**

---

# אכטונג, סוחרים!
אלע סוחרים, וועלכע האבען געדונגען געוועלבער אין דער נייער האלע ביי
# ה. קרויזע, פאדזשעטשנע 4
ווערען געבעטען צו קומען אין זייערע אייגענע אינטערעסען שבת צו נאכטס, דעם 31/12 1932 6 א זייגער אווענט פינקטליך אין סליינ-הענדלער-פעראיין, אגראדאווא 10.
5570 **א גרופע סוחרים**

---

# חברה „הדרת בחורים" מלינארסקא 8
זונטאג, פ׳ ויחי (8/1.33) 6 אזייגער אווענט קומט פאר אין בערלינער זאל, זאכאדניא 26
## א גראנדיעזע
# התחלת-הספר-תורה=
## פייערונג
מיט׳ן אנטייל פון בערימטען ארקעסטער אונטער דער אנפ. פון גומפלעוויטש און צעדראווסקי. סוועלן אויך אנטייל נעמען א חזן מיט א גוט איינשטודירט כאר אונטער דער אנפ. פון בעוואוסטן דיריגענט ראפאפארט. עס וועלן רעדן טאלאנטירטע רעדנער. די יוזי. באפעלקערונג ווערט העפליך איינגעלאדן צו בעטייליקן זיך אין פייערונג. פרטים אין די וויסטערדיגע מודעות.

---

# „הזמיר" אל. קאשטשושקי 21
שבת, דעם 31 דעצעמבער ד. י. 9 אוונט
# טראדיציאנעלער חנוכה-ראוט
אין מוזיקאלישען פראגראם נעהמען אנטייל:
כאר, ארקעסטער, מענער=קווארטעט (ברידער גרינוואלד, העכט, שארפשטיין), סאליסטען א. א. וו.
נאכ׳ן פראגראם: — טענץ ביז אין דער פריה.

בילעטען צו בעקומען טעגליך אין סעקרעטאריאט פון „הזמיר". 6550

---

# א פרייליכער סילוועסטער=אוונט!
מארגען, שבת=צו=נאכטס, ד. 31 דעצעמבער 1932, פון 10 א זייגער אוונט קומט פאר אין די זאלען פון רעסטאראן
## געדולד, 35 פיעטרימאווער 35
### א גראנדיעזער
# סילוועסטער=אוועבד
פערבונדען מיט א פרעכטיגען מוזיקאלישען קאנצערט-טייל.
ספעציעלער דזשאז-ארקעסטער. — קאנקורסען אויף טענץ. — א ים מיט אטראקציעס. — ביליגער בופעט.— טענץ ביז דערפריה.— פאסט און פעש פערוויילונגען.
5636 מיט אכטונג **די לייטונג.**

---

# בעקאנטמאכונג
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז דינסטאג דעם 3.1 1933 ווערט ערעפענט א הילפס=פעראיין א. נ.
# „עזרת עניים"
## אלעקסאנדריסקא 19
וועלכע וועט ארויסגעבען טעגליך אומזיסטע מיטאגען פון 1—3 נאכמיטאג.
די אלע, וועלכע ווילען גענייסען פון אונזערע כשרע אומזיסטע מיטאגען, דארפען זיך רעגיסטרירען פון זונטאג, דעם 1-טען יאנואר 1933 אין פעריינס-קאנצעלאריע פון 7—9 אוונט.
5591 מיט אכטונג **די פערוואלטונג**

---

## ארץ=ישראל׳דיגע
# יפור=פאמעראנצען
זיס, זאפטיג, קערנלאז. — ביליג און גוט
### שוין אנגעקומען
צו בעקומען אין „תוצרת ארץ=ישראל", שרודמיעסקא 1 טעל. 19342
בעשטעלונגען ווערען שוין אנגענומען און זאפארט אפגעשיקט א היים.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקן מיר אויס דעם ה׳ יחיאל דרעסלער און פרוי צוליבן פריהצייטיקן טויט פון זייער אונפערגעסליך טעכטערל
# שרה׳לע נ״ע
זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
**פנחס פסאטשילאס און קינדער**

# ווענען פרויען, חתונות און אנדערע אומגליקען

### ווערטלעך און שטעכווערטלעך

די יאָהרען, וואָס אַ פרוי נעמט זיך אַראָפּ, אַוועק ניט פארלוירען — זיי געבען זיי צו דער קאַלעזשאַנקע.

---

אַ בחור רעדט זיך איין, אַז 20 אָקסען וועלען איהם נישט קענען שלעפּען אונטער דער חופּה, און אין דער אמת׳ען, טוט עס... איין קאַטשקע.

---

היינט האָבען מענשען חתונה מיט פערשטאַנד, און גטן זיך פון ליבע.

---

אַ פרוי ווייגט פאַר דער חתונה, אַ מאַן — נאָך דער חתונה.

---

אַ שוויגער איז נישט אַזוי ביוז אויף איהרע אַלטע יאָהרען, ווי אויף די יונגע יאָהרען... פון איהר שנור.

---

# ארדנונג מוז זיין!

אין „סקאַלאַ״-טעאַטער קומט צו לויפען אַ טעאַטער-דינער צו דירעקטאָר:

— פּאַניע דירעקטאָרשע, ס׳איז איינער פון דער גאַלעריע אַראָפּגעפאַלען אויפ׳ן פּאַרטער.

— אַזוי? זאָל ער שוין צוצאָהלען די רעשט צום בילעט — אין וועלכער רייהע איז ער אַריינגעפאַלען?

---

# פערענטפערט די קשיא

ביי די קיזעלשטיינס אין שטוב טוט זיך חושך: דער אַלטער קיזעלשטיין האָט זיך דערוואוסט, אַז טאַטשעלע, זיין 17-יעהריג טעכטערל איז „פערפאַנגען געוואָרען אין טראָגען״.

— געוואַלד געשריגען! געוואַלד געשריגען! — שרייט דער אַלטער — וואו האָסטו, טאָכטער מיינע, דאַן גענומען דעם קאָפּ דערינען?

— וואָס הייסט, וואו? אויפ׳ן קישען...

---

# „געשעפטליכע״ ענינים...

איגנאַצי וויזעלטיר, אַן איינהאָבער פון אַ קאָנפעקציע-געשעפט „בּרענט״ און „פאַליעט״ זיך צו זיין קאַסירקע זאָשע גלאַצמאַנובנע.

די דאָזיגע זאָשע איז אָבער אַ מויד מיט אַ קאָפּ אויפ׳ן קאַרק, און ווען דער אַלטער איגנאַצי גיט איהר בינו-לבינו אַ זאָג:

— אַ, פריילין זאָשע, איהר מעגט זיכער זיין, אַז כ׳וואָלט זיין צו איך אַ פאָטער! — ענטפערט זי:

— אדרבא, פראָשע באַרדזאָ... אָבער מיט איין בעדינג: איך זאָל נישט דאַרפען ווערען אַ מוטער.

# אין „גראַנד קאַפע״

### אונטערגעהערטע שמועסען

— דו הערסט, פרעדעק, מיין פרוי ליבט מיך אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט פיינט געקריגען דאָס יונגסטע קינד.

— פאַרוואָס?

— ווייל ס׳דאַכט זיך איהר, אַז ס׳איז נישט מיינס.

* * *

און וואָס הערט זיך עפּעס ביי דיר, מענדעק? ווי האַלטסטו מיט דיינע קינדער?

— אַזוי, אַ דאַנק! איינער איז אַן אינזשיניער, דער יונגערער איז דאָקטאָר מעדיצין, און דער דריטער איז אַ סוחר...

— אַי, אַי, אַי, ס׳איז דיך באמת צו בערויערען.

— אָבער נישט געזאָרגט, מיין יונגסטער זוהן וועט בקרוב ענדיגען די לערע ביי אַ דאַמסקען שניידער, וועט ער מיט׳ן איבערשטענ׳ס הילף אונז אַלע אויסהאַלטען...

---

# אַ פרעהליכע חנוכה

## אַ לאָדזער פאַבריקאַנט ווינשט זיין קונה

שעף (דיקטירט זיין מאַשין-שרייבערין אַ בריף צו אַ בעל-חוב): דו געמיינער אַפּאַצער! באַנקראָטניק! קעשענע-גנב! אויב דו וועסט אין משך פון 24 שעה נישט אָפּגעבען דאָס געלד, וועל איך דיך איבערגעבען דעם פּראָקוראַטור.

מאַשין-שרייבערין: — דער קיצור וועט דעם בריף דערהאַלטען פּונקט צום ערשטען חנוכה-ליכטעל, אפשר איז דאָס נישט קיין גליכע זאַך?

שעף: גערעכט! שרייבט צו צום סוף אַ פרעהליכען חנוכה.

# קלוגע געדאַנקען

ווענען די פּראָפעסאָרען שטיינאַך און וואָראָנאָוו, וועלכע זענען בעריהמט אין דער וועלט מיט׳ן אַדורכפיהרען פאַריונגערונגס-אָפּעראַציעס האָט מען עפּעס לעצטענס גאָרנישט.

און וואָס איז דער וואונדער: ווערען קאָן עס גאָר, ביי די היינטיגע ביטערע צייטען איינפאַלען צו פאַרלענגערען זיך דאָס לעבען?

* * *

אַ טשיקאַווע זאַך: אויף דעם לעצטען אַ בעטעראַ ציאָנאַלען קאָנגרעס פון שנייידערס אין וויען איז בעשלאָסען געוואָרען פונ׳ם יאָהר 1933 צו סקאַסירען די קעשענעס אין די מענער-אַנצוגען, ווייל מ׳האַלט עס איצט פאַר אַ לחלוטין אַן איבעריגע זאַך.

און טאַקיש אַזוי: ווער דאַרף האָבען טאַשען, אַז עס איז נישט אין זיי, וואָס אַריינצולייגען?

* * *

אַגומעלט האָט קיינער נישט געוואוסט פון וואָס ווער עס וועט שטאַרבען, היינט, ברוך השם, ווייסט מען נישט פון וואָס ווער עס לעבט.

* * *

נישט לאַנג צוריק האָבען וויסענשאַפטלער זיך בעראַטען ווענען דעם פּראָבלעם, וויאַזוי מ׳קען זיך קינסטליך בעשפּייזען.

דאָס איז אָבער נישט קיין ענין פאַר וויסענשאַפטלער, און ס׳איז בכלל צו שפּעט צו טראַכטען ווענען דעם, ווייל די יודען האָבען שוין די פּראַקטיק לאַנג געלעזט...

והא ראיה: ציזעהט דאָך!

* * *

איינער אַ פילאָזאָף האָט געזאָגט:

— ווי קלוג וואָלטען עס בעדאַרפט צו זיין די פרויען, ווען זיי וואָלטען געהאַט דעם שכל, וואָס די מענער האָבען צוליב זיי פארלוירען.

---

# אַ וואַרשעווער נדן

— כ׳האָב געהערט, האָסט חתונה געהאַט. האָסט עפּעס בעקומען אַ וואַרשעווער נדן?...

— אַוודאי אַזוי, אָבער נישט במזומן. נאָר אין קאָלאָניאַל-סחורה....

— דהיינו?

— דהיינו... אַ פייג....

# פילאָזאָפיש געגומען

אַ געוויסער דענקער האָט געלערענט זיין יונגען פריינד אויף אזא אופן:

— אויב נאָך דער חתונה, וועט דיין ווייב האָבען אַ קינד פאַר דער צייט, זאָלסטו אויף איהר נישט טראָגען קיין ביזן האַרץ. פּראָסט-פּשוט: די האָסט זיך פערשפּעטיגט אויף אַ גוי פיל, אויף וויפיל זי האָט זיך מקדים געווען.

# זעהעוודיג געוואָרען

— וואָס איז געוואָרען מיט דיין כלה?

— כ׳האָב זיך מיט איהר פונאַנדערגעגאַנגען.

— הלמאי עפּעס?

— לכתחילה האָב איך צוגעמאַכט איין אויג, און דערנאָך האָבען מיר זיך געזעגענט ביידע אויגען...

# אַ פעטע לאַטקע

דאָס ווייב קלאָגט זיך:

— שיינע זאַכען! פאַר דער חתונה האָסטו מיר געזאָגט, אַז דו האָסט מיך ליב, אַז דו קאָנסט נישט לעבען אָהן מיר, און אַז דאָס גאַנצע לעבען וועסטו מיך טראָגען אויף די הענד!...

ענטפערט דער מאַן:

— וואָס האָסטו. כ׳בעט דיך, פאַר אַ פּרעטענזיעס?... ווער האָט עס געקאָנט פריהער וויסען, אַז דו וועסט ווערען פאַר צרות אזא פעטע גרויסע יודענע, אַז מ׳עט דיך נישט קענען אַפילו אַריינבעהמען.

---

# היינטיגע קינדער

דער קליינער הערשעלע שפּילט זיך מיט נייע ציגעלינע זעלנערלעך, וואָס ער האָט בעקומען אַ מתנה. דערביי ברעכט ער זיי אָבער אויס די הענט לעך מיט די פיסלעך.

— וואָס טוסטו עס, הערשעלע?

— איך ענטוואָפען זיי, מאַמעשי...

דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בייל‍אַגע צום נייעם פאלקסבלאַט נומער 304

פרייטאג דעם 30 דעצעמבער 1932

לכבוד חנוכה

# די מענער, נעבעך!...



אזוי איז, אז די ווייבער טאנצען אויף די חנוכה-בעלער!...







אויבען רעכטס: אַ גרופע יונגע פילם־אַרטיסטקעס אין האָליווד.

אויבען: ווינטער פייזאַזש אין די בערג

אויבען לינקס: אין אַמעריקע האָט מען געמאַכט אַ פרוב פון איבערפיהרען אַ גאַנץ הויז איבער אַ טייך.



אינדערמיט רעכטס: דער דייטש־שווייצאַרישער דיכטער יאָהאַן יאַקוב באַדמער צו זיין 150־טען יאָהרצייט.

אונטען רעכטס: דאָס פראַנצויזישע פאַרמאָלק דירמאָנטיע האָט בעקומען אַן אויסצייכנונג פון דער אַקאַדעמיע פאַר ברענגען אויף דער וועלט צעהן קינדער.



אינדערמיט: דער מאָדערנסטער פייערלעשער־אויטאָמאָביל, איז איינגעפיהרט געוואָרען אין כעמניץ.

אונטען אינדערמיט: אין האַפען פון מאַרסעל איז געקומען צו אַ שווערען צוזאַמענשטויס צווישען צוויי שיפען. די שיף „וואוצמאר" איז דערטרונקען געוואָרען.



אינדערוויט לינקס: איינער פון די ריזיגע פאַלאַצען וואָס ווערט געבויט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין טשיקאַגאָ.



ער מינכענער מאָלער העפנער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 77 יאָהר.





אונטען לינקס: דער בעקאַנטער אָקעאַן־פליהער יאָהאַנסען מאַכט פראָבעס מיט אַ נייעם מין זעגעל־עראָפּלאַן.



# דאָס יאָהר 1932 אין בילד

## לויט אַנ'אויפשטעלונג פון א דייטשער אילוסטראַציאָנס-ביוראָ



1. מאַרש פון די אַמעריקאַנער וועטעראַנען אויף וואַשינגטאָן, דעמאָנסטראַציע אויף די טרעפּען פון ווייסען הויז.

2. געג. פאָן שלייכער גיט אָפּ זיין שטים בעת איינער פון די פיל וואַהל-קאַמפּאַניעס אין דייטשלאַנד.

3. הינדענבורג, איז צום צווייטען מאָל געוועהלט געוואָרען אַלס דייטשער פּרעזידענט.

4. די שיף „ניאָבע“ איז אומגעקומען מיט 69 פלאָט-שילער.

5. גערהאַרדט הויפּטמאַן, בעריהמטער דיכטער האָט געפייערט דעם 70-טען געבורטסטאָג.

6. לאָס אַנדזשעלעס, די שטאָט פון דער אָלימפּיאַדע 1932.

7. דער ניי-געוועהלטער פראַנצויזישער מלוכה פּרעזידענט, לעברען.

8. בילדער פון דעם געוואַלדיגען וואולקאַן-אויסברוך אין דרום-אַמעריקע.

9. שרפה פון פראַנצויזישען דאַמפער „זשאָרזש פיליפּאַר“ ביי וועלכען ס'זענען אומגעקומען 200 מענשען, דערונטער דער בעקאַנטער זשורנאַליסט אַלבער לאָנדר.

10. דע וואַלעראַ, אירלענדישער פּרעזידענט.

11. פראַנקלין רוזוועלט, איז געוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַטען.

12. וואולפגאַנג פאָן געטהע, זיין 100-טען יאָהר צייט האָט געפייערט די גאַנצע וועלט.

13. אָטאָ בראַון פּרייסישער פּרעמיער-מיניסטער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרען דורך קאַנצלער פאָן פאַפּען.

14. ד"ר ברינינג, געוו. קאַנצלער פון דייטשל.

15. פאָן פאַפּען אויף דער רעפּאַראַציע-קאָנפערענץ אין לאָזאַן.

16. ד"ר בראַכט, קאָמיסאַרישער אינערן-מיניסטער פון פּרייסען.

17. דר. בומקע, פּרעזידענט פון העכסטען דייטשען געריכט, וואָס האָט בעטראַכט דעם שטרייט צווישען דער רייכסרעגירונג און דער געוו. פּרייסישער רעגירונג.

19. דאָס צוגעגנב'עטע קינד פון לינדבערגן, געפ (שווייץ).

19. דאָס צוגעגנבעטע קינד פון לינבערגן, וואָס איז שפּעטער געפונען געוואָרען טויט.

20. דער ערמאָרדעטער פראַנצויזישער פּרעזידענט דומער אויפ'ן טויטען-בעט.

21. פּוראָ, געוו. קייזער פון כינע, איז דורך די יאַפּאַנער געמאַכט געוואָרען פאַר פּרעזידענט פון מאַנדזשוריען.

22. פּראָפ. פּיקאַר האָט זיך אויפגעהויבען אין דעם באַלאָן אויף אַ הויך פון 16000 מעטער.

23. אַ בילד פון פערקעהר-שטרייק אין בערלין

24. שווערע אונרוהען אין בעלפאַסט (ענגלאַנד)

25. געג. שלייכער דער נייער דייטשער קאַנצלער.

26. דער ענגלישער שריפטשטעלער דזשאָן גאָלסוואָרסי, האָט בעקומען דעם נאָבעל-פּרייז פאַר ליטעראַטור.

27. בילדער פון די גרויסע פערפלייצונגען אין דייטשלאַנד.



פון לינקס אויף רעכטס:

1. אייזשען ד'אלבער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר.
2. פרידריך אויגוסט 3, לעצטער קעניג פון
3. מאַלער עמיל אָרליק.
זאַקסען.
4. מאַלער מאַקס סלעוואָגט.
5. פּאָל דומער, ערמאָרדעטער פּרעזידענט פון פראַנקרייך.
6. גראַף פּאָסאַדאָווסקי, דייטשער מלוכה-מאַן.
7. ריכאַרד סקאָווראָנעק, שריפטשטעלער.
8. גרענהאָף, בעריהמטער פליהער.
9. פאָן מאַרגען, ספאָרטסמאַן.
10. זלאַטין פּאַשאַ, בעריהמטער אַפריקאַ-פאָרשער.
11. זייפּעל, עסטרייכישער מלוכה-מאַן.
12. שאָבער, עסטרייכישער מלוכה-מאַן.
13. אַנטאָן ווילדגאַנז, וויענער דיכטער.
14. לואיס האַגען, דייטשער באַנקיר.
15. פּראָפ. קאָהל, בעקאַנטער קרימינאַלאָג.
16. אַריסטיד בריאַן, גרויסער פראַנצויזישער מלוכה-מאַן.
17. אַדמיראַל צענקער.
18. פאָן היפּער, בעקאַנטער דייטשער אַדמיראַל
19. ווילהעלם אָסטוואַלד, געלעהרטער און נאַטורפאָרשער, נאָבעל-פּרייז-טרעגער אין יאָהר 1909 פון כעמיע.

